LIVING TORAH

# פרשת תשא

**בס"ד. משיחת יום ד', פורים קטן ה'תשמ"א – בבית הכנסת, אחרי תפלת מנחה**

**להתלמידים ולהתלמידות "צבאות השם" שיחיו**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

דער צוזאַמענקלייבן זיך פון אונז אַלעמען צזאַמען איז דאָך באַשטימט און קומט-פאָר אין טאָג פון פורים קטן, נאָך האַלבן טאָג, וואָס דאָס איז דער אָנהויב און די צוגרייטונג צו שושן פורים קטן.

איז דאָך נאָך מער אונטערשטראָכן אויך אין דעם נאָמען פון דעם טאָג און אין דעם אינהאַלט פון דעם טאָג, וואָס ער ווערט אָנגערופן לויט אונזער תורה, [וואָס זי איז דאָך אַ תורת אמת, זי זאָגט אַלץ ווי דער אמת איז], אַז דאָס איז אַ טאָג פון "פורים קטן",

און מ'קלייבט זיך צוזאַמען דעמאָלט קטנים וקטנות, וואָס זיי געהערן אַלע צו דעם פאָלק וואָס איז פאַרבונדן מיט יעקב'ן, מיט ישראל, וואָס "יעקב קטן הוא" – ווערט אויך אָנגערופן "קטן",

און וואָס זיי גרייטן זיך גאָר אינגיכן מקבל זיין פני דוד מלך המשיח, וואָס אויף אים זאָגט מען אויך "דוד הוא הקטן".

וואָס איז דאָ אונטערשטראָכן אין די אַלע זאַכן, די זאַך פון קטן?

אַז יעדערער פון אונז דאַרף באַ זיך באַטראַכטן זיך, אַז ער איז דער וואָס באַקומט אַלץ וואָס ער האָט פון דעם אויבערשטן, וואָס דער אויבערשטער איז "מאור הגדול", וואָס מאַכט ליכטיק און גיט אַלץ וואָס מ'דאַרף האָבן צו שמים וארץ וכל צבאיהם, וואָס ער האָט זיי באַשאַפן, ווי ער האָט ערשט געזאָגט אין דעם פסוק פון "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ",

און יעדער באַקומט פון דעם "מאור הגדול" אַלץ וואָס ער דאַרף האָבן.

וואָס דערפון איז דאָך אויך פאַרשטאַנדיק, און זעלבסט-פאַרשטענדלעך, אַז יעדערער טוט אַלץ וואָס ער קען, אַז ער זאָל זיין פון "צבאות השם", פון די אַרמיי וואָס געהערט צו דעם "מאור הגדול",

און דעמאָלט ווערט ער אָנגערופן "מאור הקטן" – ער איז אַ קטן, וואָרום ווי גרויס ער זאָל ניט זיין און ניט ווערן, [און זיכער וועט ער ווערן, וואָרום "זה הקטן גדול יהי'"], איז דאָס אַלץ מיט דעם כח און מיט די ברכות וואָס דער "מאור הגדול" גיט אים.

און צוזאַמען דערמיט זאָגט מען אויך, אַז "מאור הקטן" איז אויך זיין שליחות און זיין אַרבעט וואָס ס'דאַרף זיין, אַז כאָטש ער איז אַ "קטן" אין פאַרגלייך צו שמים וארץ וכל צבאיהם – איז ער אָט דער וואָס ער איז דער "מאור הקטן" – ער קען זיי אַלעמען באַלייכטן דורך דערויף וואָס ער פאַרבינדט זיך מיט "נר מצוה ותורה אור", מיט דער ליכטיקייט פון דעם אויבערשטנ'ס תורה, און דורך מקיים זיין דעם אויבערשטנ'ס מצוות, וואָס ער איז דער "מאור הגדול".



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת תשא

און דורך דערויף ווערט אויך דער ״מאור הקטן״, יעדער איד, סיי אינגעלעך און סיי מיידעלעך, און דורך זיי אויך די עלטערן זייערע און די קרובים זייערע און אַלע אידן די ערוואַקסענע – ווערן זיי אין אַן אופן פון ״מאור״, אַז זיי לייכטן און באַלייכטן די גאַנצע וועלט.

וואָס דאָס לערנט אויך יעדערן וואָס געהערט צו ״יעקב קטן הוא״, און וואַרט אינגיכן מקבל זיין דוד ״הוא הקטן״, דעם מלך המשיח, אַז ניט קוקנדיק אויף דערויף וואָס בשעת מ׳פאַרגלייכט אים אין כמות מיט דער גאַנצער וועלט איז ער אַ ״קטן״ –

איז די אמת׳קייט איז אָבער, אַז דאָס וואָס ער ווערט אָנגערופן ״קטן״, איז דאָס ניט דערפאַר וואָס ער איז **קלענער** פון דער וועלט, נאָר אדרבא – ער ווערט דער **אָנפירער** און ער ברענגט די גאולה צו דער גאַנצער וועלט,

דורך דערויף וואָס ער ווערט דער ״מאור הקטן״ וואָס איז מקבל פון דעם ״מאור הגדול״, אַז ער גייט אַריין אין ״צבאות השם״ און באַקומט, ווי יעדערער וואָס געפינט זיך אין אַן אַרמיי, גיט מען דאָך אים אַלץ וואָס ער דאַרף כדי ער זאָל קענען מנצח זיין אין דעם צבא, ווי אין אונזער פאַל – אין מלחמת היצר,

און דאָס אַלץ באַקומט ער פון דעם ״מאור הגדול״ – פון דעם ״קאָמאַנדיר אין טשיף״, פון דעם אויבערשטן אַליין,

וואָס ווי גערעדט דעם פריערדיקן מאָל, זאָגט דער אויבערשטער, אַז ״כל מקום אַשר אזכיר את שמי אבוא אליך וברכתיך״,

און זאָגט דאָס לשון **יחיד**, אַז אומעטום וואו ס׳געפינט זיך איינער פון ״צבאות השם״, איינער פון אידישן פאָלק, וואָס זיי זיינען דאָך **אַלע** ״צבאות השם״, און דערמאָנט דעם אויבערשטנ׳ס נאָמען אין תפילה, אין דאַוונען, אָדער אין תורה, אין לערנען, אָדער דורך מקיים זיין דעם אויבערשטנ׳ס אַ מצוה אין צדקה –

קומט דער אויבערשטער אַליין צו אים און בענטשט אים ער זאָל מצליח זיין אין אַלע זיינע ענינים, אָנהויבנדיק אין מלחמת היצר.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.